ווערט זי אנגעצונדן און שווערט מיר מיט כל השבֿועות שבעולם, אז ער איז ריין ווי גינגאָלד.

— ער איז — זאָגט זי — אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי פֿאַר זיך אַרט אים נישט, דאָס גאַנצע טועכץ זײַנס איז נאָר — זאָגט זי — יענעמס טובֿה, דער וועלטס טובֿה, און דער עיקר פֿאַר יגיע־כּפּים־ניקעס, די בעלי־מלאכות, און גייט זײַט אַ חכם און טרעפֿט, וואָס דאָס הייסט!

— וואָרגט ער זיך — זאָג איך צו איר — הייסט דאָס, פֿאַר דער וועלט! למאַי ושע — זאָג איך — וואָרגט זיך נישט די וועלט פֿאַר אים, אַז ער איז יאָ אַזאַ ווילער בחור! זאָלסט אים כאָטש לאָזן גריסן — זאָג איך — דעם אַלעקסאַנדער מוקדון דײַנעם, זאָלסט אים זאָגן — זאָג איך — אַז איך פֿאַרלאָז מיך אויף זײַן יושר, ער איז דאָך אַ מענטש פֿון סאַמע יושר — זאָג איך — אַז ער ווען מײַן טאָכטער מסתמא נישט פֿאַרפֿירן און שרײַבן אַ מאָל — זאָג איך — אַ בריװל דעם אַלטן טאַטן...

און אַזוי ווי איך רייד, פֿאַלט זי מיר נישט פּלוצעם אויפֿן האַלדז און הייבט נישט אָן צו וויינען!

— לאָמיר זיך — זאָגט זי — געזעגענען. זײַ געזונט, טאַטע! גאָט ווייסט — זאָגט זי — ווען מיר וועלן זיך זען!...

אָן עק! אָט דאָ האָב איך מיך שוין נישט געקאָנט אײַנהאַלטן. עס איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק, פֿאַרשטייט איר, טאַקע די אייגענע האָדל, בשעת זי איז נאָך געווען אַ ברעקל... אַ קינד הייסט דאָס... זי געהאַלטן אויף די הענט... אויף די הענט געהאַלטן... האָט קיין פֿאַראיבל נישט, פּאַני, וואָס איך האָב מיך... מעשה ייִדענע... איר זאָלט וויסן, הערט איר, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ האָדל, דאָס איז!... איר זאָלט זען די בריוולעך, וואָס זי שרײַבט... ס'איז אַ האָדל פֿון גאָט!... זי איז בײַ מיר אָט אַ דאָ אָ, איז זי בײַ מיר... טיף, טיף... איך קאָן עס אײַך אַזוי פֿיל נישט אַרויסגעבן... — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייסט איר וואָס, פּאַני שלום עליכם? לאָמיר בעסער רײדן פֿון עפּעס פֿריילעכערס: וואָס הערט זיך עפּעס מכּוח דער כאָלירע [45] אין אָדעס?...

She flared up at that; her husband, she swore, was as clean as the driven snow. "Why," she said, "he's a person who never thinks of his own self! His whole life is for others, for the good of the world—and especially for the workers, for the workingman . . ."

Maybe some day I'll meet the genius who can explain to me what that means. "You say he cares so much about the world?" I said. "Well, maybe you can tell me why, if he and the world are such great friends, it doesn't care more about him . . . But give him my best wishes, and tell your Alexander the Great that I'm counting on his honor, because he is the very soul of it, isn't he, to see to it that my daughter isn't ruined and that she drops her old father a line now and then . . ."

I was still in the middle of the sentence when she hugged me and burst into tears. "We'd better say goodbye now," she said. "Be well, Papa. God knows when we'll see each other again . . ."

[69]

That did it! I couldn't keep it in a second longer. You see, just then I thought of my Hodl when I held her as a baby in my arms . . . she was just a tiny thing then . . . and I held her in these arms . . . please forgive me, Pani, if . . . if I . . . just like a woman . . . but I want you to know what a Hodl I have! You should see the letters that she writes me . . . she's God's own Hodl, Hodl is . . . and she's with me right here all the time . . . deep, deep down . . . there's just no way to put it into words . . .

You know what, Pani Sholem Aleichem? Let's talk about something more cheerful. Have you heard any news of the cholera in Odessa?

*(1904)*

ending encapsulates pain/absurdity of life
laughter/tears indistinguishable